אַלגעמיינער זשורנאַל — 15 —
פרייטאָג, סעפּטעמבער 25, 1981

# כשרות־סקאַנדאַל אין שעכט־הויז פון כשר קאַלבען־פלייש

**אויפדעקונג וועגען צווייפעלהאַפטער כשרות אין „גרעיט אַמעריקען וויעל" אין נוארק, נ. דזש. איז געמאַכט געוואָרען פון אַ דעלעגאַציע אָנגעפירט פון הרב טייץ און הרב שפּיץ. — רבנ'ישער ראַט פון ניו יאָרק סטעיטס כשר ביוראָ דערקלערט די פלייש פון דער שעכט־הויז אַלס נישט כשר. — אויספאָרשונג גייט ווייטער אָן.**

די רבנישע וועלט און די כשרות אינדוסטריע אין ניו יאָרק זענען אויפגערודערט געוואָרען פון אַ כשרות־סקאַנדאַל וואָס וואַרפט אַ פאַרדאַכט אויף דער גרעסטער שלאַכטהויז פון כשר'ע קאַלבען פלייש אין מעטראָפּאָליטאַן ניו יאָרק, די „גרעיט אַמעריקען וויעל קאָ." פון נוארק, נ. דזש.

באַשולדיקונגען געגען דער כשרות פון דער שלאַכטהויז ווערען איצט אויסגעפאָרשט פון ניו יאָרק סטעיט כשר־ביוראָ, וואָס איז אַ טייל פון דעם סטעיטס אַגריקולטור און מאַרקעטס אָפּטיילונג און בראש פון וועלכער עס שטייט הרב שלום רובין. די סטעיט ביוראָ האָט זיך דערווייל אָפּגעזאָגט פון מאַכען וועלכע עס איז דערקלערונגען, ביז די אויספאָרשונג וועט פאַרענדיגט ווערען.

דערווייל איז אָבער שוין אַרויסגעגעבען געוואָרען אַן אָפיציעלע דערקלערונג פון דעם רבנישען ראַט ביי דער סטעיט ביוראָ, אָנגעפירט פון הרב זלמן שאַרפמאַן, וואו עס ווערט געזאָגט אַז „פלייש פון 'גרעיט אַמעריקען וויעל' מיט הכשר־צעטלען פון (דאָ ווערט אָנגעגעבען דער נאָמען פון דעם שוחט און רב־המכשיר) זאָלען באַטראַכט ווערן אַלס נישט־כשר".

די אויפדעקונג וועגען דער כשרות פון דער נוארק שלאַכט־הויז איז געמאַכט געוואָרען פון הרב ר' פנחס טייץ, וויס פּרעזידענט פון מרכז הרבנים און רב פון עליזאַבעט, נ. דזש. ווען עס איז געוואָרען פאַרדעכטיגט

דער טעקסט פון די כשרות־טיקעטס מיט'ן נאָמען פון רב און שוחט. הרב טייץ איז פערזענליך איינגעטראָטען פאַר'ן רבנישען ראַט פון דער סטעיט כשר ביוראָ און זיי פּרעזענטירט די באַווייזען וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט.

אויף דער בקשה פון הרב טייץ'ן פאַרעפענטליכען מיר ניט דעם נאָמען פון דעם באַטרעפענדען „שוחט און רב המכשיר" וועלכע האָט שוין צוגעזאָגט הרב טייצ'ן מער נישט צו נעמען קיין חלף אין האַנט. הרב טייץ האָט אָבער דערקלערט, אַז איינקויפער פון פלייש אין ניו יאָרק, ניו דזשוירזי און קאָנעטיקוט, זאָלען זיך נאָכפרעגען ביי זייערע קצבים וואו זיי האָבען איינגעקויפט קאַלבען פלייש, און אויב ס'איז געווען „גרעיט אַמעריקען וויעל" זאָלען זיי גלייך פרעגען אַ שאלה ביי זייער רב.

ווי הרב טייץ האָט דערקלערט פאַר'ן „אַלגעמיינער זשורנאַל" איז ער צוזאַמען מיט הרב לייב שפּיץ, אַן עקזעקוטיוו מיטגליד פון מרכז הרבנים, און צוויי שוחטים מומחים, געקומען צו דער שעכט־הויז פון „גרעיט אַמעריקען" צו זען ווי אַזוי די שחיטה גייט־צו. לכתחילה, גיט איבער הרב טייץ, זענען זיי נישט אַריינגעלאָזט געוואָרען, אָבער ווען ער האָט דערקלערט, אַז „גאָר אינגיכען וועט איר זיך בעטען ביי רבנים זיי זאָלען קומען צו אייך", איז דער שוחט און רב המכשיר אַרויסגעקומען צו דער דעלעגאַציע און זיי אַריינגעבעטען אינווייניג.

וואָס מיר האָבען זיך דערוואוסט אינווייניג איז געווען א חורבן", האָט הרב טייץ דערקלערט, צוגעבענדיג, אַז „דעם שוחט'ס חלף איז געווען ממש אַ זעג".

נאָך אַ טעלעפאָנישער פאַרבינדונג מיט'ן באַלעבאָס פון דער שעכט־הויז, טאָם בוירק, האָט הרב טייץ געשיקט צו אים אַ בריוו אויפקלערענדיג אים, אַז ער פאַרקויפט טריפה פלייש פאַר כשר'ע און ער מוז דעריבער גלייך אָפּשטעלען די פּראָדוקציע. פאַר עטליכע טעג איז די שעכט־הויז געווען געשלאָסען, אָבער איצט זי ווידער אָפען מיט אַן אַנדער שוחט וועמענס נאָמען הרב טייץ ווייסט נאָך דערווייל נישט.

די „גרעיט אַמעריקען וויעל קאָ." איז ביז מיט אַ האַלב יאָר צוריק געווען אונטער דער השגחה פון אַ פּראָמינענטען ניו יאָרקער רב. ס'איז געווען לײַדער אַ טעות, האָט הרב טייץ דערקלערט, וואָס דער חשוב'ער ניו יאָרקער רב האָט נישט געמאַכט קיין עפענטליכע דערקלערונג ווען ער איז אַוועק, אַז ער איז מער נישט פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער כשרות פון דער שעכט־הויז, ווי עס פירט זיך געוויינליך אין אַזעלכע פאַלען. אַ סך קצבים האָבען מעגליך געהאַלטען, אַז די השגחה איז נאָך אַלץ אונטער דער אויפזיכט פון דעם רב, ניט וויסענדיג, אַז ער איז שוין דאָרט מער נישטאָ און אַז סיי די שחיטה און סיי דער הכשר זענען פון אַ צווייפעלהאַפטען כאַראַקטער.

# 10,000 משפחות בארה"ב הוכשלו באכילת טריפה

## בשר עגל טרף שווק במשך שלושה חודשים כבשר כשר

ניו־יורק, (שירות „הצפה") — יהדות ארצות־הברית נסערת עתה עקב שערוריה גדולה שפרצה בתחום הכשרות, אחרי שנתגלה כי בשר עגל ששווק בשלושת החודשים האחרונים כבשר כשר היה טרף, היות שהעגלים נשחטו ע"י שוחט בלתי מוסמך.

לפחות כעשרת אלפים משפחות יהודיות המקפידות על כשרות נכשלו כתוצאה מכך באכילת בשר טריפה משך תקופה ארוכה — דבר זה מתברר מדין וחשבון שהגיש הרב שלום רובין, הממונה על פיקוח הכשרות מטעם מדינת ניו־יורק.

כידוע, לפי החוק במדינת ניו־יורק, הממשל מקיים מערכת פיקוח למניעת הונאה בכשרות.

הרב רובין ציין כי שערוריית „עגל הזהב" — בשר העגל הטרף ששווק כבשר כשר — היא מן השערוריות הגדולות ביותר שיהדות אמריקה ידעה עד כה.

כפי שנודע, בשר העגל הוטרף כתוצאה מהעסקת שוחט בלתי מוסמך לשחיטה, על ידי אחד הספקים המרכזיים של בשר כשר בארה"ב.

רבנים שנשאלו על ידי בעלי בתים שבבתיהם נכשלו באכילת הבשר מאותה שחיטה פסקו, כי עליהם להכשיר את כל הכלים שברשותם באשר אלה בחזקת טריפה לכל דבר.

עם הגלוי הזה מנסים עתה לקבוע כללים חדשים, כיצד להבטיח הפיקוח על סדרי כשרות הבשר בארצות הברית.

25 נוב' 1981
הצפה
[redacted]

# שוחט און שלאַכט־הויז אין נוואַרק אָנגעקלאָגט פון ניו יאָרק סטעיט אַטוירני דזשענעראַל אין פאַרלעצן כשרות געזעץ

פרייטאָג, פרשת שמות, תשמ״ב

דער אַטוירני דזשענעראַל פון ניו יאָרק סטעיט, ראָבערט אייבראַמס, און דער קאָמישאָנער פון אַגריקולטור און מאַרקעטס, דזשעי. ראָדזשער באַרבער, האָבן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג צו אַ״עסטירען דעם שוחט, וואָס איז געווען באַשעפטיגט אין ״גרעיט אַמעריקען וויעל קאָ.״ פון נוואַרק, נ. דזש., אויף דער באַשולדיקונג פון האָבען פאַרלעצט דעם סטעיט כשר געזעץ, וואָס פאַרבאָט צו באַצייכענען אַלס כשר אַזעלכע פּראָדוקטען וואָס זענען נישט כשר. צוזאַמען מיט׳ן שוחט איז אויך אַנגעקלאָגט געוואָרען די שלאַכט־הויז אויף דער זעלבער פאַרלעצונג. דעם שוחט דראָט אַ שטראַף פון זעקס חדשים טורמע און צוויי הונדערט דאָלאַר שטראָף. די שלאַכט הויז קען באַשטראָפט ווערען ביז 5 טויזענט דאָלאַר.

צוזאַמען מיט דער דאָזיגער מעלדונג וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען פון די צוויי הויכע ניו יאָרק סטעיט־באַאַמטע, איז אויך מיטגעטיילט געוואָרען, אַז דעם אַטוירני דזשענעראַל׳ס אָפיס זעצט פאָר די אויספאָרשונג, כדי צו אויסגעפינען צי עס זענען פאַרלעצט געוואָרען נאָך אַנדערע געזעצן. ״דאָס היטען כשרות איז אַ וויכטיגער טייל פון לעבען פאַר פילע אידען, און איך בין אַנטשלאָסען אַנצוגיין אַגרעסיוו מיט דער אויספאָרשונג״, האָט דער אַטוירני דזשענעראַל אייבראַמס געזאָגט, צוגעבענדיג, אַז ער איז אַלאַרמירט געוואָרען דורך הרב שלום רובין, דירעקטאָר פון דער כשר־ביוראָ ביים דעפּאַרטמענט פון אַגריקולטור און מאַרקעטס, וועגען צוויי גרעסערע טראַנספּאָרטן נישט־כשר׳ע קאַלבס־פליישׁ, באַצייכענט אַלס כשר, וואָס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן צו אַ ברוקלינער בוטשער־סטאָר. די צוויי טראַנספּאָרטען זענען פאַרכאַפּט געוואָרען פון אינספּעקטאָרען פון דער כשר־ביוראָ דעם פאַרגאַנגענעם סעפּטעמבער דעם 4־טען.



ראָבערט אייבראַמס

אין צוגאָב האָט דער ראָט פון דער כשר־ביוראָ, באַשטייענד פון וויכטיגע רבנים און וויסענשאַפטסלייט, באַשלאָסען דעם פאַרגאַנגענעם סעפּטעמבער דעם 14־טען, אַז דער באַטרעפענדער שוחט איז נישט קוואַליפיצירט צו זיין אַ שוחט און די פליישׁ וואָס ער האָט געשאָכטען איז נישט כשר.

קאָמישאָנער באַרבער האָט פון זיין זייט צוגעגעבן, אַז ער באַטראַכט אויך די מעגליכקייט פון ציווילע שטראָפען פאַר די אַנגעקלאָגטע אויף אַ סומע וואָס קען גרייכען איבער זיבעציג טויזענט דאָלאַר. ער האָט אויך דערקלערט אַז צוזאַמען מיטן אַטוירני דזשענעראַל ווערט פון זיין דעפּאַרטמענט געפּלאַנט צו פאַרשטאַרקען דעם כשר־געזעץ נאָכמער ווי איצט.

לויט דער מעלדונג פון די צוויי סטעיט באַאַמטע איז ״גרעיט אַמעריקען וויעל״ פון נוואַרק, נ. דזש., געווען איינס פון די גרעסטע צושטעלער פון כשר פליישׁ אין לאַנד און האָט פאַרקויפט פליישׁ צו כשר׳ע בוטשערס אין מעטראָפּאָליטאַן ניו יאָרק. אין אָקטאָבער האָט די פירמע אַנגעגעבן אויף באַנקראָט.


# מודעה מן קהל יראים מאַרגאַרעטען

דער בוטשער סטאָר פון

4922 Ft. Hamilton P'kway

וועלכער איז געווען בפקוח ועד הכשרות

האָט נישט מער קיין נגעות ודקות פון מאַרגאַרעטענער שחיטה

קהל יראים מאַרגאַרעטען



# וויכטיגע מודעה

מיט דעם זיינען מיר מודיע אַלע קונים פון דעם

דעברעצינער בוטשער סטאָר

4922 Ft. Hamilton Parkway

וואָס פלעגט אַנגעהן אונטער דעם נאָמען:

KOLLEL FOOD SERVICE

KOLLEL BUTCHER STORE

אַז צוליב געוויסע סיבות האָלט דער סטאָר בשר בהמה וואָס איז נים באַשטעטיגט געוואָרען פון ועד הכשרות. ביז ווייטערדיגע מעלדונגען האָבען מיר נים קיין שייכות מיט דעם פיקוח פון דעם סטאָר.

ועד הכשרות ד׳התאחדות הקהלות

יוסף לעווי

ט״ז טבת תשמ״ב

נ.ב. נאָר ״קונים״ פאַר מער אינפאָרמאַציע רופט פון 7:30 - 9:30 אָוו.

436־3711